# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. IX No. 6 — 50 CENTS A YEAR — FEBRUARY, 1927

## LORD CONGLETON'S PLAN.

By GEORGE WILLIAMS

THE late Lord Congleton, whom I knew personally, was an untiring lover of the perishing, and one day he hit upon a plan for teaching his tenants in the county Mayo how faith secures the forgiveness of sins; in Acts 13, 38, we read:

> "Be it known unto you therefore, men and brethren, that through this man is preached unto you the forgiveness of sins:
>
> And by him all that believe are justified from all things, from which ye could not be justified by the law of Moses."

His agent, the late Bindon Scott, of Dublin, gave me the particulars.

The tenants owed several years' rent, and were in consequence apprehensive of the action their landlord might justly take against them in the land court. To their astonishment a notice was posted up over the estate promising a remission of all rent to any tenant who would meet Lord Congleton on a certain day at the estate office between the hours of ten and twelve o'clock.

The tenants owed several years' rent, tion of the natural heart, immediately suspected a snare, and spent the intervening days trying to find out what plan was designated for their injury.

On the promised day, Lord Congleton sat in his office, and the tenants crowded the street of the little country town, whispering and talking and gesticulating with much excitement, but not one entered the open door of the house.

Ten o'clock, half-past ten, eleven o'clock, half-past eleven came, but no tenant appeared, and still their landlord patiently sat waiting to befriend them.

At last, a little before twelve, a tenant who had been delayed unavoidably, entered the office and asked for the promised receipt.

"Do you really expect to be forgiven your debt? asked Lord Congleton.

"Yes, my lord."

"And why?"

"Your lordship has promised it."

"And do you believe the promise?"

"Yes, my lord."

"Why?"

"Your lordship would not deceive a poor man."

"But are you a good and industrious man?"

"The notice said nothing, my lord, about that."

"So you believed the notice and have come for your receipt?"

"Yes, my lord."

Lord Congleton wrote the receipt and handed it to the man, who sprang to his feet, waved the paper over his head and shouted: "I knew you wouldn't deceive us! God bless your lordship! Now I'll show it to the boys," and he made toward the door of the room.

"Stop!" cried Lord Congleton; "it is not yet twelve o'clock. Sit down there. The forgiveness of rent is promised to faith, and only to faith, and up to noon."

Directly the hour struck, Lord Congleton said: "Now you may go."

The man ran out of the house into the street, waving the receipt over his head and shouting: "I've got it! Didn't I tell you it was all true. I'm a free man!"

The tenants in a body rushed to the house, but the door was shut!

Unbelief shut them out!

Just as it shut out our forefathers from the promised land. In the New Testament, God tells us in Heb. 3:17-19, exactly why our forefathers were not allowed to go into the promised land:

> "But with whom was he grieved forty years? was it not with them that had sinned, whose carcasses fell in the wilderness?
>
> And to whom sware he that they should not enter into his rest, but to them that believed not.
>
> So we see that they could not enter in because of unbelief."

But one man, and only man believed on his promise and the others believed not, so it was when Paul in the first days of Christianity preached to the Jews, and you will find the record of that in the book of Acts, where it says:

> "And some believed the things which were spoken and some believed not."

And so it is today; we have no magic by which we can command any reader of this paper, "Believe!"

We know ahead of time that there will be many who will read these lines and who will only laugh or sneer, or have contempt. But we also know that there will be some who will read these lines and who will listen to the still small voice of God's Spirit, and who will be glad to receive this message of salvation and eternal life thru the only Begotten Son of God, the Lord Jesus Christ. And if there shall be only one among the many thousands who will read this paper, who will decide to believe, then this article will not have been written in vain.—*Adapted from an article quoted in Serving-and-Waiting, from Friends' Witness.*

**40 Cents WORTH FOR 25 Cents**

**Send us 25c. in coin or Stamps and we will mail you a 40c New Testament in Hebrew, Yiddish or English. Should our supply be gone, however, we reserve the right to return your money:**

**Address: The Shepherd of Israel**

**27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**



**BETH SAR SHALOM**

**Throop Avenue and Walton St.**

**Brooklyn, N. Y.**

Come to Our Meetings

| | |
|---|---|
| EVERY FRIDAY | 8 P. M. |
| EVERY SUNDAY | 8 P. M. |
| EVERY MONDAY | 8 P. M. |

**ALL WELCOME**

**Write us for Free Literature.**

You are cordially invited to any of these meetings. Come, bring your friends we have a message to give you that is of the greatest importance to your soul's salvation.

### ANONYMOUS LETTERS

We are receiving so many anonymous letters from readers of The Shepherd of Israel that we are now obliged to announce that we will pay no attention to any such letters which contain requests that questions be answered in our columns.

We are glad to answer all questions but if the person or persons asking the questions have not the courtesy to send their names, or are afraid to do so, then we feel that we cannot recognize such inquiries as being honest or sincere.

Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10 · 11

רועה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד, 23

א מאנאט׳ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת׳דיגען משיח

VOL. IX No. 6 — 50 CENTS A YEAR — FEBRUARY, 1927

# אשר גינצבערג — אחד העם

א ידישע שרייבערס פון כמעט אלע אידיש־ליטעראַרישע ווערקע האָבען מר׳ גינצבערג מספיד געווען אין זייערע פערשיעדענע בלעטער און מאַגאַזינען. זיי האָבען איהם געגעבען דעם טיטעל אלס איינער פון די איינפלוסרייכסטע אידען פון דעם היינטיגען דור. ער איז געוועזען — האָבען זיי ווייטער געשריבען — א פיהרער פון א מאַסע אינטעליגענטע וואָרטפיהרער אין זיין גענעראַציע.

וואָס איז אייגענטליך געווען זיין שיטה מיט וועלכער ער האָט זיך אויסגעצייכענט אלס א פיהרער אין דער אינטעליגענציע צווישען אידען?

עס איז זיך כדאי אָפּצושטעלען אויף דיעזען ווי אויך אויף אַן אַנדערען פונקט, דהיינו, אין וואָס איז בעשטאַנען דער כח פון זיין איינפלוס וואָס האָט באַוואויגען אידישע אינטעליגענטען אָדער משכילים איהם נאָכצופאָלגען און צו אדאָפּטירען די אידעע פון דעם „אחד העם"?

אין אלע זיינע אַרטיקלען אין אחד העם וואָס אשר גינצבערג האָט געשריבען איז אַרויפגעשוואוּמען ווי בוימעל אויף׳ן וואַסער די אידעע פון א גייסטיגען צענטער וואָס דאַרף געשאַפען ווערען אין ארץ ישראל. דער פּאָליטיקעל ציוניזם האָט ביי איהם גאָר קיין ממשות נישט געהאַט. ער האָט אימער געשריגען אַז דער עיקר איז א „מרכז רוחני", ד"ה, א אידיש־גייסטיגער צענטער. און אַזאַ צענטער מוז געגרינדעט ווערען פון אַזאַ מענשענשטאָף וועלכעס זאָל זיין מוסטערהאַפט, ד"ה, אַז עס זאָל קענען דיענען אלס א ביישפּיעל נישט נור פאַר׳ן אידענטום זאָנדערן פאַר דער גאַנצער וועלט. זיי מוזען זיין אידעאַליסטיש, עטיש און גייסטרייך. נור אַזאַלכע קענען עטאַבלירען א גייסטיגען צענטער אין ארץ ישראל.

זיי, דיעזע מוסטערהאַפטע גרופּע פון אידען, מוזען זיך זעלבסט אויפאָפּפערען און שאַפען און ענטוויקלען א שטאַרקען נאַציאָנאַליזם, און אַזוי אַרום דערהויבען דעם אידישען אידעאַליזם צו דער גרעסטער מדרגה, וואָס עס קען נישט געטהון ווערען דורך הערצעל׳ס פּאָליטישען ציוניזם מיט זיינע אלע קאָלאָניעס, מיט׳ן אַקערן און בויען, ווייל דאָס איז נאָר א טפל און דאָס וועט שוין במילא אליין פון זיך קומען. דער עיקר איז אַז דער גייסטיגער צענטער זאָל געפינען זיין עקזיסטענץ אין ארץ ישראל אין זיין שטאַרקסטען פאָרם.

אין דעם צענטער מוז הערשען אבסאָלוטע גערעכטיגקייט, א „צדק מוחלט". די נויטיגע באַדינגונגען פאַר דער אויפלעבונג און שאַפונג פון אַזאַ פאָלשטענדיגער גייסטיגקייט זיינען לויט „אחד העם" צוויי ווערטער, נעמליך, „בני משה", ד"ה, אַז דאָס מענשען־מאַטעריאַל פון וועלכען דער צענטער זאָל געבילדעט ווערען מוז זיין גלייך צו משה׳ן אין גייסטיגען, עטישען און קולטורעלען זין. אַזוי ווי משה האָט זיך אויפגעאָפּפערט פאַר׳ן פאָלק, אַזוי מוזען אויך די יעניגע וועלכע וועלען פאָרמירען די גייסטיגקייט אין ארץ ישראל, זיך אויפאָפּפערען פאַר׳ן פאָלק. יאָ רעליגיאָן אָדער נישט רעליגיאָן, דאָס מאַכט זעהר װעניג אויס אין דער מיינונג פון אשר גינצבערג, ווייל זיין קאָנצעפּציאָן איבער איין עקזיסטירענדען און דויערהאַפטען גייסטיגען צענטער אין ארץ ישראל איז נור אבסאָלוטע גערעכטיגקייט און נאַציאָנאַליזם פאַר וועלכען מ׳דאַרף זיך אויפצואָפּפערען גענצליך און אומבאַדינגט צו יעדער צייט כדי דיעזען פּראָיעקט אויסצופיהרען.

| |
|---|
| שיקט אונז צו 25 סענט אין סטעמפּס, וועלען מיר אייך שיקען א נייעם טעסטאַמענט אין אידיש, ענגליש אדער העברעאיש. דאָס איז א גרויסער באַרגין. |

אָט דאָס איז בקיצור דאָס אידעאַל פון אחד העם, וועלכעס האָט בעגייסטערט אלע משכילים צווישען אלע אידען.

איצט לאָמיר זעהן וויפיעל אמת עס שטעקט אין זיין אידעאַל.

יעדער איד וועט מודה זיין אַז מיר דאַרפען זיך ריכטען לויט די ווערטער וואָס גאָט האָט גערעדט דורך די נביאים, אַזוי ווי מיר לייענען אין ישעיה ח׳, 20: „לתורה ולתעודה אם לא יאמרו כדבר הזה אשר אין לו שחר", ד"ה, „צו דער תורה און צו דעם עדות, ווען זיי זאָגען ניט אַזוי ווי דאָס דאָזיגע וואָרט, אַזוי איז עס ווייל זיי האָבען נישט קיין מאָרגענליכט".

איהר געדענקט דאָך מסתם ווי אין דער צייט פון די שופטים, ווען דאָס אידישע פאָלק האָט זיך געפונען אין גרויסע צרות ווייל זיי האָבען פאַרלאָזען דעם גאָט וואָס האָט זיי געגעבען די תורה, הײ׳סט עס דאָרט אלס אַן אורזאַך פון דעם מיזעראַבעלען צושטאַנד פון די אידען, ווייל „איש כל הישר בעיניו יעשה", ד"ה, יעדער איינער האָט געהאַט א ספּעציעלען אידעאַליזם פאַר זיך. עפּעס אַזוי זעהט עס אויס היינט צו טאָג, אידעאַליסטען און אידעאַליזם איז אויף דעם טאָגעס־אָרדנונג. פיליכט זיינען נאָך קיינמאָל נישט געוועזען אַזויפיעל אידעאַליסטען אין דער אידישער היסטאָריע ווי היינט צו טאָג. יעדער איינער האָט זיך זיין אייגענע בויך־סברא און שלאָגט עס פאָר און צולעגט עס פאַר דעם אידישען פּובליקום, און דאָדורך ווערען געשאַפען פאַרשיעדענע גרופּען, אָרגאַניזאַציעס און פאַקציאָנען.

נאַטירליך, עס איז זעהר לייכט צו זאָגען יענעם ווי אַזוי ער זאָל לעבען מיט זיינע מיט־מענשען און ווי אַזוי ער זאָל זיך אויפפיהרען כדי ער זאָל גערעכענט ווערען אלס א גוטער מענש אין זיינע אייגענע אויגען, ד"ה, אין די אויגען פון דעם אידעאַל פּראָפּאַגאַנדיסט און פּראָטאָגאַניסט.

אָבער ווי אַזוי מ׳קען ווערען א גוטער און גערעכטער מענש, ד"ה, ווי אַזוי מ׳קען באַקעמפּפען די נעגאַטיווע נייגונגען אין מענשליכען הערץ, וואָס באַוועגען דעם מענש צו טהון פונקט להיפוך פון צדקות, פון דעם ווערט נישט געדאַכט קיין איינציג וואָרט פון אירגענד־וואו א פיהרער פון אידעאַליזם.

אָט איז געווען דער גרעסטער אידישער פילאָזאָף שאול פון תרשיש, א תלמיד פון רבן גמליאל, ער איז געווען בעקאַנט אלס איינער פון די גרעסטע אנהענגער פון די פּרושים. זיין אויפפיהרונג וואָלט געקראָגען פון אחד העם דעם טיטעל „צדיק מוחלט", ווייל אויבערפלעכליך איז גאָר נישט געווען קיין שלעכטס אין דעם מאַן. אָט הערט וואָס ער זאָגט אין רומיים ז׳, 18—25:

„וואָרין איך ווייס אַז אין מיר, דאָס הייסט אין מיין פליייש וואוינט קיין גוטע זאַך, וואָרין איך האָב אודאי דעם ווילען, אָבער ניט דאָס גוטע צו טהון. וואָרין דאָס גוטע וואָס איך וויל, טהו איך ניט, אָבער דאָס שלעכטע וואָס איך וויל ניט, דאָס טהו איך. אָבער ווען איך טהו דאָס וואָס איך וויל ניט, אַזוי בין איך ניט מעהר דער וואָס טהוט עס, נייערט די זינד וואָס וואוינט אין מיר. איך געפין דאָן דאָס געזעץ, אַז ווען איך וויל טהון דאָס גוטע איז דאָס שלעכטע ביי מיר. וואָרין איך האָב

Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1897.